# LIVING TORAH

# פרשת תרומה

**בס"ד. משיחת יו"ד שבט ה'תשמ"ב.**

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בשעת דער אויבערשטער האט געוואלט מ'זאל אים בויען דעם מקדש, און פאר דערויף דעם משכן – האט ער געוואלט אין וואס פאר אן אופן דאס זאל זיין? – אז דאס זאל זיין "כל נדיב לב" זאל נעמען דרייצן אדער פופצן זאכן, דברים גשמיים, און דערפון זאל מען אויפבויען דעם משכן, "ועשו לי מקדש", וואס דעמאלט וועט זיין "ושכנתי בתוכם".

דערציילט תורה בשעת מעשה, אז ס'איז געווען די אלע ענינים זיינען שוין געווען פארטיק בא דעם אויבערשטן, ככל "אשר הראת בהר"[1]: די אלע ענינים אין דעם משכן דא למטה – איז דאס געווען "הראת בהר", האט מען באוויזן משה רבינו, נאר וואס דען? דאס איז געווען של אש – ברוחניות הענינים.

זאגט דער אויבערשטער, אז ס'איז דא די אלע ענינים ברוחניות, און באווייזט אים א פארטיקן משכן, און דערנאך זאגט ער, אז ווי אזוי קען זיין דער "ושכנתי", אז ס'זאל זיין עצמות ומהות דא למטה? – איז דער משכן של אש ניט דער ענין; ס'דארף זיין דוקא אין עולם הזה התחתון און אין די דברים תחתונים.

דערנאך זאגט מען, אז וואו איז דא דער "ושכנתי בתוכם"[2]? – איז דאס דוקא ווען ס'וועט זיין א איד א נשמה בגוף, וואס ער וועט נעמען פון זיין "זהב וכסף ונחושת" מיט די אלע זאכן וואס ער רעכנט דארט אויס, און וועט דאס אפגעבן צום אויבערשטן, "ועשו לי – לי לשמי" – דערפון ווערט אויפגעבויט דער אמת'ער משכן ומקדש אין וועלכן ס'ווערט דער "הבית הזה", וואס "השמים ושמי השמים לא יכלכלוך"[3], [ווי דערמאנט פריער פון תפילת שלמה בהנוגע צו דעם בית מקדש ראשון].

און וואו דארף מען דאס האבן? – דארף מען דאס אויפטאן דוקא אין עולם הזה התחתון. פון וואנען האט מען גענומען דעם "זהב וכסף ונחושת" – האט מען דאך דאס גענומען פון ביזת מצרים און ביזת הים, אז מ'האט "גוזל געווען", צוגענומען די ענינים ווי זיי זיינען אין חומריות, און מ'האט פון זיי געמאכט א גשמיות וואס דאס קען ווערן א כלי און א משכן צו קדושה, "לי – לשמי",

וואס דורך דערויף וואס ער "גזל'ט" פון וועלט אפ דעם העלם והסתר, און איז מבטל דעם העלם והסתר, און איז מגלה אין וועלט דעם "אמת הוי' לעולם" – איז אט דעמאלט, אין די וועלטישע זאכן, איז אט

---

1) פ' תרומה פרק כו, פסוק ל'.

2) פ' תרומה פרק כה, פסוק ח'.

3) מלכים-א' פרק ח', פסוק כז. דברי הימים-ב. פרק ו', פסוק יח..



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תרומה

דארטן ווערט נתגלה זייער אמיתית המציאות,

ו"המעשה הוא העיקר"[4]:

ווי גרויס און הויך און איידל און רוחניות די כוונה זיינע, איז דאס וואס מ׳פארלאנגט פון א אידן, אז ער זאל נעמען זיין האנט גשמיית און ער זאל אויף דערויף, על ידו השמאלית, זאל ער לייגן אויף דערויף תפילין בפשטות,

און אט דעמאלט, פון דעם "צל" – פון דעם יד הגשמי, וואס דאס איז מערניט ווי א צל פון דעם יד הרוחני, פון די "יד" פון דעם חיות פון דער נשמה וואס איז דא אין דעם יד הגשמי – מאכט ער דערפון א כלי, וואס דורך דערויף איז ער מקיים דעם אויבערשטנ׳ס רצון –

אט דאס ברענגט צו דער שלימות פון דער יד הגשמי מיט די יד הרוחני, און צו די שלימות האמיתית, וואס דאס איז דער מילוי פון דעם אויבערשטנ׳ס רצון, וואס "המעשה הוא העיקר",

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, ווי גערעדט פריער בארוכה, אז מ׳קען ניט יוצא זיין דערמיט וואס ביי אים איז א אידישע הארץ, דערמיט וואס ביי אים איז א אידישע קאפ, במילא איז זיין גאנצער שכל און זיין גאנצער געפיל ליגט ביי אים אין אידישקייט און אין אידישע זאכן –

מ׳דארף אויך האבן, אז כל אברי גופו, ביז וואנענט די ציפרניים שבאצבעות הרגלים, זאל אויך זיין "תמים תהי׳ עם הוי׳ אלקיך"[5], אז אין זיי זאל אויך זיין ניכר, אז דאס געהערט צו א אידן, וואס ער איז א איד ווי א איד דארף זיין – איין זאך; על ידי אורייתא איז "ישראל ואורייתא וקודשא-בריך-הוא"[6] ווערט דאס "כולא חד",

בדוגמא ווי א בן יחיד בא הורים זקנים (כתורת הבעל-שם-טוב ווערן זיי דאך פארבונדן מיט אן אהבה עצמית) שנולד להם לעת זקנותם, ווי דער בעל-שם-טוב זאגט, ווערן זיי דאך פארבונדן מיט אן אהבה עצמית, ביז וואנענט אז מ׳קען זיי גאר ניט פאנאנדערטיילן; דאס איז "כולא חד",

וואס דאס ווערט אויפגעטאן דורך דערויף וואס ער מאכט פון דער גאנצער בריאה פון דעם אויבערשטן, אז דאס זאל זיין א דירה לו יתברך,

---

4) משניות אבות פרק א׳ משנה יז. תקוני-זהר תנ"ב (פז, סע"א).
5) פרשת שופטים פרק יח, פסוק יג.
6) (ע"פ) זהר חלק ג׳ עג, א.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תרומה

וואס אין דעם אויבערשטנ׳ס בריאה איז דאך דא די ענינים פון אור, און די ענינים וואס בערך האור איז דאס ענינים של העלם והסתר וחושך וצל – מאכט ער דערפון אויך א טייל פון דעם משכן פון דעם אויבערשטן, וואס דארט איז דאך געווען פארשידענע כלים, אויך כלים פאר דעם דשן און פאר דעם אפר וכיוצא בזה, וואס דאס איז געווען א חלק פון דעם משכן און פון דעם שלימות המשכן, ועל דרך זה אויך אין דעם מקדש.

ועל דרך זה בחייו של כל אחד ואחת מישראל, וואס אויף יעדער אידן זאגט דאך דער אויבערשטער ״ושכנתי בתוכם״, און ווי חז״ל זיינען מדייק[7] ניט ווי לכאורה האט געדארפט זאגן ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכו״, אין דעם מקדש, נאר ״ושכנתי בתוכם״: דער תכלית הכוונה איז, אז דער אויבערשטער רוט דורך דעם בלבו של כל אחד ואחת מישראל –

דורך דערויף וואס ער מאכט פון כל עניניו בעולם, צי דאס איז ענינים וואס זיינען ביי אים טייער ווי ״זהב״, אדער ענינים וואס זיינען ביי אים גאר ביליג, ווי ״נחושת״, וכיוצא בזה ווי די אלע ענינים וואס ער רעכנט אויס – איז מאכט ער פון זיי אלעמען איין און איינציקן מקדש ומשכן פאר דעם איין און איינציקן אויבערשטן, וואס דאס איז עצמות ומהות.

---

7) ראשית-חכמה שער האהבה פ״ו (ד״ה ושני הפסוקים). אלשיך על הפסוק. של״ה סט, א. רא, א. שכה, ב. שכו,ב. ובכ״מ.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.